LIVING TORAH

# פרשת ואתחנן

## בס״ד. משיחת י״א ניסן ה׳תשמ״ג.

הנחה פרטית בלתי מוגה

וואָס דאָס איז אויך אַ ביאור, וואָס ס׳איז דאָך דאָ אַזוינע וואָס טראַכטן: וואָס קומט אַרויס פון דעם ענין פון מבצעים?

מ׳טוט אָן אַ אידן תפילין פעם אחת, און דערנאָך ווייס מען ניט וואָס וועט מיט אים זיין מאָרגן אינדערפרי, צי איבערמאָרגן וכיוצא בזה.

איז בנוגע לתפילין איז דאָס בכלל אַ קשיא - אַ שאלה – וואָס ס׳קען פרעגן מערניט ווי אַן עם הארץ, וואָרום אָט דער וואָס האָט געלערנט מסכתא ראש-השנה[1] מיט מפרשים ופוסקים, ווייס ער, אַז דורך איין מאָל לייגן תפילין נעמט מען אַרויס אַ אידן פון דעם גדר פון ״קרקפתא דלא מנח תפילין״, וואָס דעמאָלט האָט עס קיין שייכות ניט מיט עולם-הבא. און דורך אָנטאָן **איין מאָל תפילין** – שטעלט מען אים אַריין אין עולם-הבא!

דאָס איז ניט מערניט ווי אַ פעולה וואָס ער האָט געטאָן אַ מצוה, וואָס טאָן אַ מצוה איז דאָס ״יחוד זה למעלה הוא נצחי לעולם ועד״[2]; דאָס איז אַן אייביקער פאַרדינסט: בשעת ער טוט אָן די תפילין – איז ער פאַרבונדן מיט **מצַוה** המצוה, מיט דעם וואָס האָט **געהייסן** לייגן תפילין, אפילו ווען ער ווייס ניט קיינע כוונות ורמזים בזה.

האָט נאָך די תפילין אָט דעם ענין און די תכונה, אַז דאָס נעמט אַרויס אַ אידן פון דעם גדר פון ״קרקפתא **דלא** מנח״ און שטעלט אים אַריין אין ״קרקפתא **דמנח**״.

וואָס דאָס איז ניט נאָר אַ נפקא מינה וואָס ער באַקומט אַ שכר פון נאָך אַ מצוה – נאָר דאָס מאַכט אינגאַנצן איבער זיין **צוקונפט**, און – זיין צוקונפט **נצחית**:

חייו בעולם הזה איז אַ זאַך וואָס דאָס איז ״אם בגבורות **שמונים** שנה״[3], ״והיו ימיו **מאה ועשרים** שנה״[4]; חיים בעולם הבא איז דאָס חיים **נצחיים**. און דורך דעם איין מאָל אָנטאָן אים תפלין – האָט מען אים אַריינגעשטעלט אין חיים נצחיים.

דערנאָך איז דאָך געקומען אָט די וואָס ״תואנה הם מבקשים״, במילא טשעפּעט מען זיך צו קרומקייטן וכו׳ וכו׳ – איז מען געפאַלן אויף אַ נייע שאלה און אַ נייע קשיא,

– אָדער קען זיין אַז דאָס דאַרפן זיי האָבן כדי צו באַרעכטיקן זיך, היתכן, אַז מ׳זעט וואָס ס׳קומט פאָר אין דער וועלט, ווי אַזוי די וועלט שאָקלט זיך און טרייסלט זיך וכו׳ וכו׳, און דער רמב״ם פסק׳נט אָפּ[5], אַז ס׳איז רעכט, אַז דורך **איין מצוה** וועט מען אויפטאָן ״מביא ישועה והצלה לעולם״,

און אין אַ זאַך פון פיקוח נפשות, איז אפילו אַ ספק וספק-ספיקא און מאה ספיקות – דאַרף מען דאָס

---

1) יז, ע״א.

2) תניא ספכ״ה (לב, א).

3) תהלים צ, יו״ד.

4) בראשית ו, ג.

5) הל׳ תשובה פ״ג ה״ד.



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת ואתחנן

אויך טאָן. על אחת כמה וכמה, דער רמב"ם שטעלט דאָס ניט בלשון של ספק; ער שטעלט דאָס בלשון של הלכה, און זאָגט, אַז אַ איד, אַן אדם איז "צריך לראות עצמו וכל העולם כולו" אַז זיי זיינען שקולים.–

איז מען אָבער געפאַלן אויף דער המצאה:

ס'האָט געטראָפן עטלעכע מאָל, אָדער אַ סך מאָל, אַז מ'טרעפט זיך מיט אַ מענטשן וואָס מ'ווייס דאָך ניט פריער צי איז ער אַ איד צי ניט קיין איד; מפני הספק טאָר מען זיך ניט פאַרלאָזן, קען זיין אַז ער איז אַ איד, און מ'קען אים אַריינשטעלן אין דעם סוג פון "קרקפתא דמנח תפילין" – מוז ער דאָס פרעגן ביי אים אפילו על הספק.

איז מען צוגעגאַנגען און מ'האָט געפרעגט, האָט זיך אַמאָל געטראָפן, אַז דער באַ וועמען מ'האָט געפרעגט האָט געענטפערט, אַז ער איז ניט קיין איד.

איז מען געקומען מיט אַ גאַנצן שטורעם: היתכן אַז מ'מאַכט אַ מבצע אין גאַס,

וואָס אמת טאַקע, מ'האָט מציל געווען הונדערטער טויזנטער, ובמשך הזמן צענדליקער טויזנטער אידן אין דעם גדר פון "קרקפתא דמנח תפילין" אָדער אין אכילת כשרות וכיוצא בזה –

אָבער היתכן, ס'איז ניט אויסגעהאַלטן – **לשיטתם** פון די טועים ומטעים – וויבאַלד אַז אַמאָל איז מען געקומען לידי בזיון עצמו, אַז ער האָט גאָר צוגעגאַנגען צו אַ ניט-אידן און האָט ביי אים געפרעגט, און יענער האָט אים געענטפערט, אַז ער איז ניט קיין איד.

קומט-צו דער ענין האמור לעיל, אַז וויבאַלד אַז ער רעדט מיט דעם ניט-אידן, וואָס ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז ער איז אַ ניט-איד, און האָט גערעדט דברים היוצאים מן הלב,

וואָרום אויב ס'גייט ניט פון האַרצן – איז מען זיך ניט עוסק אין מבצעים; טראַכט ער וועגן זיך!

און דברים היוצאים מן הלב איז שרייבט דער רבינו תם, [וואָס ער איז געווען אַ פוסק אויך, על אחת כמה וכמה אין הלכות מהלך הנפש], שרייבט ער אין ספר הישר[6], [און ס'ווערט דערנאָך אַראָפּגעבראַכט (בכמה מקומות) בכמה ספרים], אַז "דברים היוצאים מן הלב – נכנסים אל הלב",

פועל'ט דאָס ביי אים, אַז ער זאָל אַ טראַכט-טאָן, אַז אויב אַ ווילד-פרעמדער מענטש האָט אָפּגעלאָזט זיינע ענינים, און צו אים צוגעגאַנגען אַ פרעג-טאָן, אַז ער וויל אים טאָן אַ טובה,

- בעט ניט דערפאַר ניט קיין תאוה, ניט קיין כבוד, ניט קיין קנאה, ניט קיין ממון, ניט קיין בענקל וכו', מערניט וואָס ער וויל טאָן אַ טובה, ניט ער זאָגט אים זיין נאָמען, ניט ער בעט אים עפעס-וואָס אפילו אַ "טענקיו", זאָגן אים אַ נתינת-תודה -

אפשר וועט ער אים געבן די מעגלעכקייט, ער זאָל אים טאָן אַ טובה!

איז סוף-כל-סוף, איז אַ דבר טוב, "אמת מארץ תצמח"[7] – וועט דאָס ביי אים אַרויסוואַקסן, אַז מזמן לזמן, און אפשר אָפּטער ווי מזמן לזמן, וועט ער זוכן אַ געלעגנהייט צו טאָן אַ טובה אַ צווייטן מענטשן.

6) שי"ג, הובא בשל"ה סט, א.
7) תהלים פה, יב.



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.